בס"ד

# הוראות
# לחמשה עשר בשבט

מאת ועד הכשרות
דקרית יואל



ט"ו בשבט
תשע"א

שטייענדיג בעפאר דעם יו"ט חמשה עשר בשבט ווען אידישע קינדער זענען מקיים דעם מנהג ישראל תורה צו פארמערן מיט עסן פירות, ווילן מיר מעורר זיין דעם ציבור אז מ'זאל נזהר זיין מיט וואס מ'נעמט אריין אין מויל און ח"ו נישט נכשל ווערן מיט די הארבע איסורים פון תולעים.

די הוראות זענען געמאכט געווארן נאך גרינטליכע בדיקות פון אונזערע משגיחים און אנדערע מומחים אין דעם פעלד, ויה"ר שלא יצא מכשול מתחת ידינו.

מ'דארף באזונדער אכט געבן נישט צו קויפן קיין פרוכט וואס קומט פון ארץ ישראל, נאר מיט א פארלעסליכע השגחה, צוליב די הארבע חששות פון תרו"מ א.א.וו.

בדרך כל זאל מען אייביג זעהן צו קויפן פרישע פרוכט פון א גוטע קוואליטעט, אזוי צו פארמיידן ערנסטע חששות פון ווערים.

| | |
|---|---|
| **אפריקאט** (געטריקענטע) | די וואס קומען פון קאליפארניע זענען בדרך כלל ריין. מען דארף אבער באקוקן אפאר שטיקלעך, מען דארף עס עפענען און באקוקן פון אינעווייניג צו עס האט נישט קיין ווערים אדער ווייסע פינטלעך (מילבן), אויב יא זאל מען עס נישט עסן.<br><br>די וואס קומען פון טערקיי זענען ווערימ'דיג און עס דארף א גרינטליכע בדיקה. |
| **בלובערי'ס** | די וואס קומען פון אמעריקע זענען בדרך כלל ריין. עס איז כדי צו באקוקן געציילטע בלובערי'ס צו זעהן צו עס איז טאקע ריין ובפרט אויבן ביים קרוין. |
| **באקסער** | איז זייער ווערימ'דיג.<br><br>על כן זאל מען עס נישט עסן. (נאר א מומחה ווייסט ווי אזוי עס צו באקוקען). |
| **בארן** | דארף מען אפשיילן אדער קויפן אומגעשמירטע. |
| **טייטלען** | די Medjool אמעריקאנע טייטלען זענען בדרך כלל ריינער פון ווערים, מען קען עס גרינג באקוקן דורכ'ן לייגן העכער א באלב, קען מען גרינג דורכזעהן צו עס איז ריין.<br><br>פון אייראפע קען אפט זיין ווערימ'דיג, על כן זאל מען אויפשניידן און גוט באקוקן ארום דעם קערל צו עס איז ריין פון ווערים (ווייסע אדער ברוינע), אויב זעהט מען סימנים פון ווערים (וועבאכטץ, שווארצע פינטעלעך) זאל מען עס נישט עסן. |
| **טרוקענע פרוכט** | טרוקענע פרוכט איז דא וועלכע דארפן האבן א השגחה, וויל עס ווערט געשמורט מיט אויל, ווי למשל: טרוקענע פיינעפל, בענענע, קרענבערי'ס, און נאך.<br><br>אלע סארט טרוקענע פרוכט זאל מען נאר קויפן פרישע פון א גוטע קוואליטעט. און קויפן דוקא פון די וואס קומען פון U.S.A. און נישט פון אייראפע.<br><br>ס'איז אבער אלץ כדאי צו קוקן אז עס איז טאקע ריין פון ווערים. |
| **טשערי'ס** | די Grade A פון U.S.A. זענען בדרך כלל ריין. עס איז כדאי צו באקוקן עטליכע טשערי'ס, ארום דעם קערל פון אינעווייניג צו עס איז רייין פון ווערים, אויב עס איז ריין קען מען עס רואיג עסן. |



| | |
|---|---|
| **מילגרוים** | איז ריין פון ווערים. |
| **ניס** | מען זאל נאר קויפן פרישע פון א גוטע קוואליטעט. ס'איז אבער אלץ כדאי צו קוקן אז עס איז טאקע ריין פון ווערים. אויב איז דא א לאך איז א סימן אז עס איז געווען אדער ס'איז דא א ווארים.<br>**וואלנאט'ס** ווערט ברעקל'דיג, זאל מען זיכער מאכן אז דאס איז נישט קיין מילבן.<br>**פיסטעטשוס** קען זיך מאכן ווערים, על כן זאל מען באקוקן עטליכע ניסלעך פון יעדע פעקל.<br>**קעשוס** פאדערט זיך מער א גרינטליכע בדיקה, מען זאל באקוקן עטליכע פון יעדע פעקל-מען צוטיילט עס אין צווייען אין מען קוקט צו עס איז ריין פון ווערים אדער וועבאכטץ און ברעקלעך-אויב זעהט מען סימנים פון ווערים אין עטליכע ניסלעך דארף מען צוטיילן יעדע איינע און גוט באקוקן. |
| **סטראבערי'ס** | איז זייער ווערימ'דיג, על כן טאר מען עס נישט עסן. |
| **עפל** | דארף מען אפשיילן אדער קויפן אומגעשמירטע. |
| **פייגן** | איז זייער ווערימ'דיג, על כן טאר מען עס נישט עסן.<br>(ווער עס וויל עסן די שאלאכטץ, זאל ארויסקראצן אלע קערלעך פון אינעווייניג און גוט אפוואשן די שאלאכטץ מיט א שטארקע שטראם וואסער.) |
| **פראנס** (PRUNES) | איז ריין פון ווערים. |
| **קעסטן** | קען זיך טרעפן ווערים.<br>עס איז אבער לייכט צו באמערקן ווען מען מאכט עס אויף. |
| **קרענבערי'ס** | איז ריין פון ווערים. |
| **ראזשינקעס** | איז ראטזאם נישט צו עסן.<br>די וואס ווילן יא עסן, זאלן קויפן דוקא פון קאליפארניע, פון א גוטע קוואליטעט, און גוט באקוקן צו עס איז ריין. |
| **רעסבערי'ס** | איז זייער ווערימ'דיג, על כן טאר מען עס נישט עסן. |



# הייליגע ווערטער
# פונעם פלא יועץ

**חיובא רמיא עלן לבדוק אחר האיסורין מאד** כדי שלא ליכשל בהם, ובפרט בענין התולעים רבה המכשלה, **שיש הרבה מיני פירות וירקות שנמצאים בהם תולעים, ורבים מעמי הארץ אין נזהרין ואוכלים אותם בלי בדיקה** וכן בפרי התותים העידו שיש תולעים שאי אפשר למוצאם ע"י בדיקה, וירא שמים ינהג בהם איסור לגמרי, וכן כתבו שירא שמים לא יאכל ירק חי או כרוב כבוש אפי' על ידי בדיקה, וכ"ש בלי בדיקה שהוא איסור גמור. וכבר צווחו על זה בספרים צעקה גדולה ומרה, שהרי כל אשר בשם ישראל יכונה לא יאכל נבלה וטרפה או בשר חזיר וכדומה אם יתנו לו כל כסף וזהב שבעולם, ואם ירצו לאנסו יסבול עונשים מרים עד מות ולא יעבור, אע"ג דחיך יטעם לאכול אקלידי דחזירי וכדומה, וכי דייקת באכילת נבלה וטרפה וחזיר ליכא אלא לאו א' ובאכילת תולעת א' איכא ד' לאוין, ובאכילת נבלה וכל שרץ העוף ה' לאוין, **נמצא האוכל בלי זהירות ובלי בדיקה במעט רגע אוכל מאה תולעים ועבר תילי תילים של לאוין בשאט בנפש בלי שום הנאה כלל רק ממיעוט זהירות,** על זה וכיוצא בזה נאמר הוי מושכי העון בחבלי השוא, הנה כי כן ושמת סכין בלועך אם בעל נפש אתה, וצריך להזהיר העם על זה וכיוצא בה, כי ישראל קדושים רוצים להיות גדורים ופרושים אבל הם שוגגים ה' הטוב יכפר בעד.

פלא יועץ אות ב' ערך בדיקה


Sponsored By:

קרית יואל

FRIENDLY SUPERMARKET

3 SATMAR DR. MONROE N.Y. (845)782-6992

העכסטע סטאנדארט אין כשרות

בעסטע קוואליטעט פראדוקטן

העפליכסטע סערוויס

FINEDESIGN Graphic Designer 845.669.6133







KJK Kiryas Joel Kashrus Division

16 Garfield Rd. • 845-774-4040# 108 • Fax 845-783-2684